**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/13/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אז וועטן אויף ספארטס פונדערווייטנס האט אויפגעטריבן 909 מיליאן דאלאר פאר ניו יארק סטעיט אין ערשטע יאר פון אפעראציע**

***שטייער איינקונפטן גייען פאר חינוך, ספארטס פראגראמען פאר יונגווארג און פארמיידונג, באהאנדלונג און ערהוילונג סערוויסעס פאר פראבלעמאטישע געמבלינג***

***מער פון 16 ביליאן דאלאר געוועט אויף ספארטס אין ניו יארק סטעיט אין ערשטע יאר פון אפעראציע***

אויף די ערשטע יארטאג פון דאס ערמעגליכן פאר מענטשן צו וועטן געלט אויף ספארטס אין ניו יארק סטעיט, האט גאווערנער קעטי האקול היינט אנאנסירט אז די סטעיט האט געזאמלט מער פון 709.2 מיליאן דאלאר אין שטייערן אויף אזעלכע שפילערייען, א צאל וואס איז די העכסטע אינעם לאנד. נאך 200 מיליאן דאלאר אין לייסענסירונג צוצאלונגען זענען אויך געזאמלט געווארן, אויפטרייבנדיג א סך הכל פון מער פון 909 מיליאן דאלאר אין איינקונפטן, די מערהייט פון וועלכע וועט גענוצט ווערן פאר חינוך.

"אין בלויז איין יאר איז ניו יארק געווארן א נאציאנאלע פירער ביים צושטעלן פאראנטווארטליכע אונטערהאלטונג פאר מיליאנען בשעת'ן אריינברענגען רעקארד-הויכע איינקונפטן פאר חינוך, ספארטס פאר יונגווארג און פאר פארמיידונג פון פראבלעמאטישע וועטן (געמבלינג)", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך קוק ארויס צו נאך א יאר פון ברענגען רעזולטאטן פון אונזער ערשט-קלאסיגע ספארטס-וועטן פונדערווייטנס ערפארונגען וועלכע טרייבן אויף איינקונפטן צו באררייכערן די לעבנס פון ניו יארקער ארום די סטעיט."

**ניו יארק סטעיט געימינג קאמיסיע (Gaming Comission) טשעירמאן, ברייען אָדווייער, האט געזאגט,** "א דאנק גאווערנער האקול'ס פירערשאפט און דאס איינפירונג פון קלוגע און פאראנטווארטליכע געימינג פאליסיס, זעצט ניו יארק פאר צו ברעכן רעקארדס מיט איינקונפטן און וועטן. אזוי ווי מיר גייען אריין אין די צווייטע יאר פון ספּארטס-וועטן פונדערווייטנס אין ניו יארק סטעיט, וועט די געימינג קאמיסיע פארזעצן צו פארזיכערן אז די וועטן ווערט געמאכט אויף א זיכערן און פאראנטווארטליכן פארנעם."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון אדיקשען סערוויסעס און שטיצע (Office of Addiction Services and Supports, OASAS) קאמישאנער, טשינאַזאָ קאנינגעהעם, האט געזאגט,** "די OASAS איז דאנקבאר פאר די אנגייענדע שותפות מיט די געימינג קאמיסיע צו אויפקלערן די פובליק איבער פאראנטווארטליכע געמבלינג און צו צושטעלן הילפס-מיטלען פאר די וועלכע נויטיגן זיך דערין. די צוגעקומענע איינקונפטן וועלכע ווערן אויפגעטריבן וועלן העלפן זיכער מאכן אז מיר האבן א שטאנדהאפטיגע סיסטעם פון פראגראמען און סערוויסעס צו אדרעסירן די געברויכן פון איינצלנע מענטשן, פאמיליעס און קאמיוניטיס ארום די גאנצע סטעיט."

**סטעיט סענאטאר דזשאָוסעף פּ. אדעבאָו האט געזאגט,** "דאס איז א מערקווירדיגע רעקארד פאר די ערשטע יאר פון ספארטס-וועטן פונדערווייטנס אין ניו יארק מיט בלויז 9 פראפעסיאנאלע אפערירער! איך בין דאנקבאר זיך צו האבן אנגעשלאסן מיט אנדערע אין די סטעיט, אהערשטעלנדיג א פראדוקט וואס ניו יארקער פארדינען זיך, און איך בין דאנקבאר פאר די באדייטנדע בענעפיטן צו אונזער עקאנאמיע, אין צוגאב צו די געלטער פאר חינוך, ספארטס פאר יונגווארג און אדיקשען פראגראמען. איך קוק ארויס מיט אן אפטימיסטישע גייסט אז דורך די פראפעסיאנאלע באמיאונגען פון די האקול אדמיניסטראציע, די געימינג קאמיסיע און מיינע לעגיסלאטיווע קאלעגן, קענען ניו יארקער ערווארטן פון זייער סטעיט צו פארזעצן צו צושטעלן די בעסטע ספארטס-וועטן פראדוקט אין די גאר פעלד וואס איז פול מיט קאנקורענץ פאר פילע יארן אין די צוקונפט."

**אסעמבלי מיטגליד גערי פרעטלאָו האט געזאגט,** "ספארטס-וועטן פונדערווייטנס האט אויפגעטריבן 709 מיליאן דאלאר אין שטייערן אין בלויז איין יאר, געלטער וועלכע וועלן גיין פאר גאר וויכטיגע פראגראמען ווי חינוך, ספארטס פאר יונגווארג און סערוויסעס פארבינדן צו פראבלעמאטישע געמבלינג. דאס איז בלויז די אנהויב, און איך קוק ארויס צו זעהן ספארטס-וועטן פונדערווייטנס אריינברענגענדיג מער איינקונפטן אין צוקונפטיגע יארן."

לויט GeoComply, א סאפטווער פירמע וואס ווערט גענוצט דורך ספארטס ביכער צו פארזיכערן אז די מענטשן וועלכע וועטן געפונען זיך אין ערלויבטע ראיאנען, זענען מער פון 3.8 מיליאן אנדערע אקאונטס געעפנט געווארן זינט די אנהויב פון די וועטן אין יאנואר 2022, דורכפירנדיג איבער 1.2 ביליאן טרענזעקשענס.

די ערשטע יארטאג פון ספארטס-וועטן פונדערווייטנס אין ניו יארק סטעיט איז געווען לעצטע זונטאג, יאנואר 8, 2023. ביז יאנואר 7 איז די סך הכל סומע וואס איז געלייגט געווארן אויף ספארטס פונדערווייטנס געווען $16,595,732,482 און עס האט אויפגעטריבן א נעט איינקונפט פאר חינוך פון $709,247,358.

פאר פיסקאלע יאר 2023 (אפריל 1, 2022 ביז מערץ 31, 2023) און יערליך פון דאן און ווייטער, ווערן פארדינסטן פון ספארטס-וועטן פונדערווייטנס פארטיילט ווי פאלגנד: 5 מיליאן דאלאר פאר ספארטס פראגראמען פאר יונגווארג אין שוואכערע קאמיוניטיס, 6 מיליאן דאלאר פאר חינוך און באהאנדלונג פאר פראבלעמאטישע געמבלינג, און די מערהייט פון די רעשט גייט צו פינאנצירן עדזשוקעישען הילף.

יעדע פרייטאג פארעפנטליכט די NYS געימינג קאמיסיע וועכענטליכע באריכטן איבער ספארטס-וועטן פונדערווייטנס פון אלע אירע אפערירנדע פירמעס אויף די אינטערנעט [דא](#).

די קאמיסיע׳ס רעגולאציעס פאדערן פון אפערירער אפצוהאלטן מינדעריעריגע פון שפילן, צושטעלן פאר געוועטער די מעגליכקייטן צו שטעלן שפענדונג באצוימונגען, און מיטטיילן אינפארמאציע איבער די ריזיקעס פארבינדן מיט געמבלינג און סימנים פון געמבלינג פראבלעמען. ניו יארקער וועלכע מוטשען זיך מיט א געמבלינג פראבלעם אדער קענען איינעם מיט א געמבלינג פראבלעם קענען רופן די סטעיט'ס אומזיסטע, געהיימע HOPE האטליין אויף 1-877-8-HOPENY (1-877-846-7369) אדער טעקסטן HOPENY (467369). ניו יארקער קענען זיך אויך פארבינדן מיט די ראיאנישע פראבלעמאטישע געמבלינג הילף צענטער (Regional Problem Gambling Resource Center) אויף: https://nyproblemgamblinghelp.org/.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418